

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
רבי **אביגדור מיללער** זצ"ל

ביי די באַרימטע ליל שישי שיעורים

חג הסוכות
תשפ"ב לפ"ק
גליון קפ"ח

## פראגע

### פארוואס זענען פרויען נישט מחויב מיט די מצוה פון סוכה?

## ענטפער:

די זעלבע שאלה קען מען אויך פרעגן, פארוואס זענען פרויען פטור פון סיי-וועלכע אנדערע מצות עשה שהזמן גרמא – פון אלע מצוות וואס דארפן געטון ווערן אין א באשטימטע צייט?

קודם דארפט איר פארשטיין אז אזא שאלה קומט נאר ארויף ווייל מיר לעבן אין אמעריקע אין די היינטיגע צייטן. ווייל אין א נארמאלע געזעלשאפט האט א פרוי געהאט א גרויסע משפחה; זי האט קינדער פון אלע יארגענג און זי איז אזוי פארנומען אז זי האט נישט קיין צייט צו טון עפעס אנדערש ווי **די מצוה פון אויפשטעלן א פאמיליע**.

אפילו מיט אלע באקוועמליכקייטן וואס מיר האבן היינט; מען האט א וואש-מאשין, א דישוואשער – א מילכיגע און א פליישיגע דישוואשער – עלעקטראנישע בוילערס, מיר האבן אלעס, אבער נאך אלץ איז א מאמע פון א פאמיליע פארנומען טאג און נאכט. אלזא, וואלט איר געווען אזוי גרויזאם ארויפצולייגן אויף איר די פליכט פון טון מצוות וואס איז געוואנדן אין א צייט?!

און במילא איז גענוג אויב זי טוט אלעס וואס זי איז מחויב צו טון. דאס איז מער ווי גענוג. עס איז דא אזוי פיל וואס א אידישע מאמע דארף טון ווען עס קומט צו איר פאמיליע, אז זי קען נישט האבן קיין איבריגע צייט צו קוקן אויף אנדערע זאכן.

נאר א מאן קען זיך ערלויבן זיך אפצוזונדערן גענוג צייט פון די פליכטן פון די משפחה צו גיין יעדן צופרי אין שול, צו ליינען קריאת שמע בזמנו, צו גיין ביינאכט צו די שיעורים און לערנען תורה, און צו טון אלע אנדערע מצות עשה שהזמן גרמא, ווי זיצן אין די סוכה.

אודאי איז די ווייב אויך געלאדנט צו קומען זיצן אין די סוכה. די הלכה איז אז א סוכה דארף זיין א פלאץ וואו די מאן זאל קענען שלאפן צוזאמען מיט די ווייב אין די זעלבע סוכה. אבער דער חיוב פון א סוכה קען מען נישט ארויפלייגן אויף א פרוי ווייל אסאך מאל דארף זי זיין מיט די קליינע בעיביס אינדערהיים און זי קען נישט ארויסשלעפן אלע קליינע קינדער אין די סוכה.

ווען דעם זענען פרויען פטור פון אלע "עמערדזשענסי" מצוות וואס איז אנגעהאנגען אין צייט. (#271)

## פראגע

### וואס איז דער תכלית פון חול המועד?

## ענטפער:

חול המועד איז געמאכט געווארן צו געבן א געלעגנהייט פאר מענטשן איבערצוטראכטן וואס דער יום טוב זאגט אונז. יום טוב זענען מיר זייער פארנומען, מיר זענען פארנומען צו ברענגען קרבנות און מאכן סעודות און אסאך מאל פארגעסן מיר צו טראכטן די לימודים וואס מיר דארפן ארויסנעמען פונעם יום טוב. און דערפאר איז חול המועד **א צייט צו טראכטן**.

עס איז אויך דא נאך א געלעגנהייט ביים סוף פונעם יום טוב, און ס'הייסט "עצרת", דאס איז אויך געמאכט אלץ א געלעגנהייט איבערצו'חזר'ן די לימודים פונעם יום טוב. שבועות איז די עצרת פון פסח; אפאר וואכן נאך פסח קומען מיר צוריק צום בית המקדש צו מאכן חזרה אויף די לימודים פון פסח. און שמיני עצרת איז די עצרת פון סוכות.

באמת וואלט שמיני עצרת געדארפט זיין אפגערוקט א שטיק צייט פון סוכות; אפאר וואכן שפעטער – דעמאלטס וואלט מען געדארפט צוריקקומען צום ביהמ"ק און איבער'חזר'ן די לימודים פון סוכות. אבער די גמרא זאגט אז גלייך נאך סוכות

הייבט זיך אן דער ווינטער; עס קומט א רעגנדיגע סעזאן און אויב מען גייט אהיים וועט מען נישט קענען צוריקקומען א חודש-צוויי שפעטער ווייל די וועגן קענען זיין שווער. דערפאר האט די תורה געזאגט מ'זאל מאכן די עצרת פון סוכות גלייך נאך סוכות.

פסח איז פרילינג צייט און דעמאלטס קען מען הייסן צוריקקומען עטליכע וואכן שפעטער פאר שבועות און איבערטראכטן די לימודים פון פסח. אבער סוכות מאכט מען שמיני עצרת תיכף נאך סוכות.

אלזא, עס זענען דא צוויי געלעגנהייטן איבערצו'חזר'ן די לימודים: חול המועד און עצרת. סוכות איז מען אפשר פארנומען; צום ערשט זענען מיר פארנומען צו בויען די סוכה, און דאן זארגט מען זיך וועגן דעם אתרוג, און אפשר איז נישט געווען גענוג צייט גענוג ערנסט אריינצוטראכטן וואס סוכות זאגט אונז. חול המועד איז דעריבער א גוטע צייט אריינצוטראכטן דערין. עס איז אפאר טעג וואס געבט די געלעגנהייטן צו טראכטן, כדי ארויסצונעמען פונעם יו"ט די זאכן וואס מיר דארפן מיטנעמען, און זיך גרייט מאכן פאר די צווייטע טעג יום טוב.

נאכדעם קומט נאך א טאג און דאס איז שמיני עצרת; דאס איז א טאג פון צעמענטירן די לימודים אין אונזער מח. עצרת איז ווי א **סך הכל**; "וואס האב איך אויפגעטון?" עס איז אזוי ווי די "חסידים ראשונים היו שוהים שעה אחת אחר תפילתם" – די צדיקים פון אמאל פלעגן שטיין א לאנגע שמונה עשרה, אבער ווען זיי האבן געענדיגט האבן זיי געוומען א לאנגע צייט צוריקצוטראכטן, "וואס האב איך אויפגעטון מיט די שמונה עשרה?וואו האב איך מיך נישט גענוג מתבונן געווען? וועלכע חידושים אין מחשבה נעם איך ארויס פונעם דאווענען?" זיי האבן געמאכט א חזרה, זיי האבן געמאכט א חשבון און א סך הכל פון זייער שמונה עשרה.

במילא איז חול המועד א געלעגנהייט איבערצוטראכטן וואס דער יום טוב איז. עס איז זייער וויכטיג איבערצוטראכטן, "וואס קומט מיר דער יו"ט זאגן?" מיר זענען אזוי פארנומען אינעם יו"ט, עס איז דא אזויפיל ארבעט צו טון, און אסאך מאל טראכט מען בכלל נישט אריין וואס סוכות קומט אונז צו לערנען אויפ'ן גאנצן יאר. און וועגן דעם האבן מיר חול המועד! (E-103#)

## ענטפער:

## פראגע

## פראגע: וויאזוי קען א מענטש קונה זיין אמת'ע בטחון, און פארשטיין אז אלעס וואס פאסירט איז פונעם אויבערשטן?

דאס איז א גוטע שטרעבונג! און דער ענטפער איז ווי פאלגענד: א מענטש דארף אפלערנען די יסודות. דער אויבערשטער איז דער וואס האט אלעס באשאפן און ער פירט אלעס. ארבעט דאס אריינצוהאקן אין דיינע אויערן.

מען קען נישט האבן בטחון אין השי"ת אויב מען האט נישט פארדעם אמונה. נאכדעם וואס מען האט אמונה אינעם אויבערשטן, דארף מען אויך זיין איבערצייגט אז דער אויבערשטער איז א גוטער, און מען קען דאס זען פון דער נאטור. **די גאנצע נאטור איז גארנישט חוץ חסדי השם.**

נעמט אין באטראכט "ענזיימס". ענזיימס זענען גענצליך אנדערש איינס פונעם צווייטן; זיי זענען כעמישע ארבייטער. אן ענזיים איז אן איסטערלישע קאמפליצירטע צוזאמשטעל, און עס זענען דא כאטש טויזנט אנדערע סארט ענזיימס אינעם קערפער, און יעדע איינס פון זיי טוען א וויכטיגע און בענעפיטבארע ארבעט. פון דעם קענען מיר זען אז דער "ארכיטעקט" וואס האט געמאכט דעם קערפער איז גארנישט חוץ א **טוב ומטיב**. דערפאר, ווען מען שטודירט דעם נאטור זעט מען אז די גאנצע נאטור איז אייגנטליך גארנישט חוץ חסד.

געוויסע מענטשן האבן שאלות, "פארוואס זענען דא שטעכערס אויף די רויז-ביימעלעך?" דער ענטפער איז – אפצוהיטן די רויזן. מענטשן פרעגן, "פארוואס שטעכן די בינען?" דער שטעך פונעם בין באשיצט די האניג אינעם בינען-שטאק, אז נישט וואלטן מענטשן אוועקגענומען פון זיי די האניג. "פארוואס איז דא פיבער?" פיבער פארניכטעט אנצינדונגען אינעם קערפער. "פארוואס איז דא וויטאג?" וויטאג איז מודיע פאר'ן מענטש אז עפעס גייט פאר אין זיין קערפער. אויב מ'וואלט נישט געהאט קיין ציין-ווייטאג וואלט מען נישט געגאנגען צום דענטיסט ביז די ציין וואלט שוין געווען גענצליך פארפוילט. דו גייסט צום דענטיסט צוליב דיין ציין-ווייטאג, און דער דענטיסט ראטעווען דיין צאן!

אלעס אויף דער וועלט איז לתועלת, און ווען מען טראכט אריין אין דעם כאפט מען דעם געדאנק אז דער אויבערשטער איז א רב חסד. און ווען מען לייגט זיך אריין אין קאפ אז דער אויבערשטער איז אין קאנטראל פון אלעס, און אלעס איז לטובה, און ער קען אלעס טון, צוביסלעך ווערט אויפגעבויט די נושא פון בטחון.

בטחון איז דעריבער א צווייג פון אמונה און ס'איז זייער א גרויסע דערגרייכונג.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# דער צווייטער באנד!

פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן

## ארויס פון דרוק!




אידיש!

**פרישע הונדערטער**
**פראגעס און ענטפערס**
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה

דערקוויקט אייער
מח און נשמה!

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל










$1
א וואך
מועדים $3

ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתעגג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

## מערכת להתענג 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

**עונג שבת/גוט שבת** שע"י **מערכת להתענג**

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב